בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת משפטים תשע"ו** שבת מברכין אדר **גליון 346 [שנה ח']**

## א חידוש אז א קטן שהכה ומת איז ער פטור

מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת: (כא יב) פרעגט רש"י למה נאמר מַכֵּה אִישׁ וָמֵת? נאר ווייל עס שטייט (ויקרא כד יז) וְאִישׁ כִּי יַכֶּה כָּל־נֶפֶשׁ אָדָם מוֹת יוּמָת, וועל איך זאגן אז שלאגן אליין אן מיתה איז אויך חייב, דעריבער שטייט מַכֵּה אִישׁ וָמֵת, אז מען איז חייב נאר שלאגן מיט מיתה. און פון מַכֵּה אִישׁ אליין וואלט איך געזאגט אז אפי' א קטן שלאגט איז אויך חייב! דעריבער שטייט וְאִישׁ כִּי יַכֶּה, אִישׁ ולא קטן ווייל א קטן איז פטור. פרעגט דער שפתי חכמים פארוואס וואלט איך געמיינט אז א קטן איז חייב? און ער בלייבט וצ"ע. נאר מען קען ענטפערן די הוה אמינא אז א קטן זאל זיין חייב, ווייל מיר טרעפן אז א שׁוֹר וואס הרגעט איז חייב מיתה אפילו ער איז פטור פון מצוות, ווייל וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ (דברים יז ז), וואלט איך געמיינט אז דא איז אויך א קטן חייב מיתה, וועגן וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ, דעריבער שטייט וְאִישׁ כִּי יַכֶּה ולא קטן שהכה, גזירת הכתוב אז א קטן איז פטור. (חיי יצחק יוסטמאן)

## אכטונג געבן פון יענעמ'ס געלט

וְנִקְרַב בַּעַל־הַבַּיִת אֶל־הָאֱלֹקִים אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ: (כ"ב ז') טייטש דער הייליגער רבי מאיר מפרימישלאן זצוק"ל, יעדער איד וויל ווערן נאנט מיטן אויבערשטן און ווען ער זעט אז עס גייט נישט, זאל ער קוקן צו ער איז נישט נכשל אין נעמען יענעמ'ס געלט, דאס שטייט אין פסוק: וְנִקְרַב בַּעַל־הַבַּיִת ער וויל זיך דערנענטערן מיט וואס קען זיך א מענטש דערנענטערן אֶל־הָאֱלֹקִים צום אויבערשטן? אויב עס גייט נישט! זאל ער זען, אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ: אויב ער האט נישט אויסגעשטרעקט זיינע הענט אין געלט וואס באלאנגט צו זיין חבר, און אין מדרש תנחומא שטייט "חָמוּר הוא מאוד העונש הנגזר על עוון גזל, עס איז זייער הארב די שטראף אויף גזל, און חז"ל זאגן אֵין חָמוּר מִכָּל איסורין שבתורה מֵעוֹנֶשׁ הַגָּזֵל". און די סיבה: ווייל אז מען נעמט וואס באלאנגט נישט צו דיר, איז דאס א חסרון אין אמונה, אז חלילה דער אויבערשטער קען דיר דאס נישט געבן בהיתר! און מען דארף גלויבן אז מען פארדינט גארנישט אויב מען טוט נגד דעם רצון הבורא. עס איז דא א מעשה פון א רייכער סוחר אין ירושלים וואס האט פלוצלינג אנגעהויבן פארלירן זיינע געלט שלא כדרך הטבע. איז ער געקומען צו הרה"ק ר' שלומ'קע זוויהלער זצוק"ל ער זאל אים העלפן. ר' שלומ'קע נעמט זיך טראכטן און רופט זיך אן: היות אז דו ביזט א סוחר פון בייטן געלטער, און יעדן טאג קען זיך בייטן די ווערד פון געלט. און ווען דו גייסט שבת נאכמיטאג צום כותל המערבי, גייסטו דורך די אראבישע שוק און זיי דערציילן דיר די ווערד פון די געלטער, און אזוי פארדינסטו געלט פון א מעשה שבת וואס דאס איז אסור! פון היינט אן זאלסטו גיין א אנדערן וועג צום כותל, און זיי א מאמין אז דער אויבערשטער קען דיר העלפן אין דיין מסחר אן איסורים. דער סוחר האט געפאלגט ר' שלומ'קע, און אין א קורצע צייט האט ער זיך צוריק געשטעלט אויף זיינע פיס. (ספר תפארת בנים –דודי הרה"צ ר' בונם יואל טויסיג אדמו"ר ממאטערסדארף זצ"ל–)

## איז א זָכָר אסור צו מאכן כישוף?

מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה: (כ"ב י"ז) דא ברענגט רש"י אפילו עס שטייט מכשפה, וואס מיינט א נקבה, פונדעסטוועגן איז די איסור פון כישוף אויף זכרים אויך. איי פארוואס שטייט מכשפה א נקבה? ווייל דער דרך איז, אז מכשפים זענען נקבות. און רש"י אין (סנהדרין ס"ז) ד"ה מכשפה, לערנט דאס ארויס פון אוֹב אוֹ יִדְּעֹנִי וואס דארטן שטייט "וְאִישׁ אוֹ־אִשָּׁה" כִּי־יִהְיֶה בָהֶם אוֹב אוֹ יִדְּעֹנִי מוֹת יוּמָתוּ (ויקרא כ' כ"ז) וואס די זענען מכשפים. און די איסור איז אִישׁ אוֹ־אִשָּׁה. אויב אזוי איז שווער אז מען טרעפט אין חז"ל אז די סנהדרין האבן געמעגט קענען כישוף! איז שווער וואס טוט מען מיט פסוק וְאִישׁ אוֹ־אִשָּׁה אז כישוף איז אסור בזכרים? קען מען ענטפערן וואס די בעל הטורים ברענגט: די ווארט תְחַיֶּה שטייט דריי מאל. מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה. לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה (דברים כ' ט"ז). און וְיִתְרוֹן דַּעַת הַחָכְמָה תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ. (קהלת ז' י"ב). קען מען זאגן: מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה, קען דאך מיינען נאר נקבות, דעריבער שטייט לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, אז אפילו זכרים זענען אסור. וועסטו פרעגן פארוואס סנהדרין מעגן יא לערנען כישוף? שטייט וְיִתְרוֹן דַּעַת, דאס וואס סנהדרין לערנען כישוף איז נאר מוסיף צו זיין חכמה פאר זיי. זיי זאלן זיך א עצה געבן מיט די רמאים, דעמאלטס תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ, וועגן וְיִתְרוֹן דַּעַת מעגן זיי לערנען כישוף. (משגב לדך כהן)

## וואס מיינט וְנָתַתִּי אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ אֵלֶיךָ עֹרֶף

לֹא תִהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה בְּאַרְצֶךָ אֶת־מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא: אֶת־אֵימָתִי אֲשַׁלַּח לְפָנֶיךָ ... וְנָתַתִּי אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ אֵלֶיךָ עֹרֶף: (כ"ב כו – כז) זאגט רש"י די שונאים וועלן אנטלויפן און זיך אויסדרייען זייער עָרְפָּם, נאַקן, דארף מען פארשטיין וואס מיינט די אויסדרייען? נאר די גמ' (מגילה כח.) שרייבט מען זאל נישט קוקן אויפן פנים פון א כותי אדער א גוי, און דאס וועט גורם זיין אריכות ימים, איז דאך משמע אויב מען קוקט יא אויף זייער פנים וועט מען נישט מאריך ימים זיין. יעצט די תורה איז מבטיח: אֶת־מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא, מיינט אריכות ימים. איז אויב עס וועט זיין א מלחמה מיט די גויים, און מען וועט קוקן אויף זייער פנים, וועט נישט זיין אריכות ימים. דעריבער זאגט די תורה אז די גויים וועלן אנטלויפן פון דיר און זיי וועלן זיין אויסגעדרייט, וועסטו נישט זען זייער פנים. (ימין יוסף שמעונוביץ)

## מען דארף זיין דבוק אין ה' שטענדיג

וּבְכֹל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם תִּשָּׁמֵרוּ וְשֵׁם אֱלֹקִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ לֹא יִשָּׁמַע עַל־פִּיךָ: (כג יג) לכאורה וואס איז דער המשך הפסוק פון תִּשָּׁמֵרוּ היטן וואס איך זאג און וְשֵׁם אֱלֹקִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ? נאר מו"ח הרה"ג ר' יוסף פרעסבורגער דער בעל תפארת יוסף זי"ע זאגט אז רש"י ברענגט אויפן פסוק וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי (ויקרא כ' כו) רבי אלעזר בן עזריה זאגט: פון וואנעט ווייסט מען אז מען זאל נישט זאגן, עס עקלעט מיר בשר חזיר, אדער אי אפשי ללבוש כלאים, נאר ער זאל זאגן: אפשי, איך וויל, "ומה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי" דאס נישט טאן, ווייל זיך אפשיידן פון א עבירה דארף זיין ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן און מען איז מען מקבל עול מלכות שמים. אבער ביי עבודה זרה, זאלסט נישט זאגן רצוני לעבוד עבודה זרה ומה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי שלא לעבוד! איך וויל ח"ו נאר איך טו דאס נישט ווייל דער אויבערשטער האט גוזר געווען אז מען טאר נישט, ווייל אין די רגע וואס מען טראכט אזוי, איז זיין נשמה נישט געבונדן אין אהבת ה' ווייל דער פסוק זאגט וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ (דברים ה) און דער רמב"ם שרייבט (הלכות תשובה פ"י הנ"ו) וכיצד היא האהבה הראויה הוא שיאהב את ה' אהבה גדולה וכו' שתהא נפשו קשורה באהבת ה' וכו' וברור שאין אהבת הקב"ה נקשרת בלבו של אדם עד שישגה בה תמיד ויעזוב כל מה שבעולם חוץ ממנה עכ"ל. דאס מיינט דער פסוק וּבְכֹל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם תִּשָּׁמֵרוּ, ביי אלע איסורים קען מען זאגן אפשי בה, נאר ומה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי, אבער ביי וְשֵׁם אֱלֹקִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ לֹא יִשָּׁמַע

עַל־פִּיךָ, ביי עבודה זרה זאל מען דאס נישט זאגן, ווייל דאס וועט חלילה ווייזן אז מען איז נישט קשור בה' יעדע רגע, און וועט פעלן אין די מצוה פון וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ. (בית ישראל השלם אדמו"ר ממאטערסדארף)

# מדור העובדות

## דער הייליגער שרף פון מאגילניצא גיט שלום עליכם פאר זיין מכניס אורח מיט יארן שפעטער

הרה"ק ר' אלימלך מגראדזיסק זצוק"ל מחבר ספר דברי אלימלך -דער זון פון הייליגן שרף פון מאגילניצא הרה"ק ר' חיים מאיר יחיאל זצוק"ל- טאטע פון הייליגן בעל חובת התלמידים און אש קודש ועוד, האט דערציילט אז עס איז אמאל געקומען דעם באוואוסטן גביר הר' מאיר שכנא פון ווארשא צוזאמען מיט זיין חבר ר' חיים, אויך א גביר, צום זיין הייליגן טאטן דער שרף, זיך דורך צורעדן וועגן א גאר גרויסן געשעפט, און דער טאטן האט געגעבן שלום עליכם צו ר' חיים דער חבר, און רופט זיך אן "שלום עליכם מיין מכניס אורח" ר' חיים האט זיך געוואונדערט אז ער גדענקט בכלל נישט אז ער זאל האבן דעם רבין אלץ אן אורח?

האט דער טאטע דערציילט, אז ווען ער איז געווען יונג איז ער געגאנגען צו פוס פון קאזניץ קיין ראדאשיץ, צום הייליגן צדיק הרה"ק ר' ישׂשכר בער פון ראדאשיץ. עס איז דעמאלט געווען ווינטער און ער איז געווען קאלט און הונגעריג, איז ער אריין אין שול קומט צו אים א איד און פרעגט פון וואו קומט ער און וואו דארף ער גיין? און ער האט געענטפערט: אז ער קומט פון קאזניץ און וויל גיין קיין ראדאשיץ, פרעגט ער אים צו האט ער געקענט דעם הייליגן קאזניצער מגיד? און ער האט געענטפערט יא, און אז ער איז אויך א אייניקל, זאגט ער אויב אזוי, קום פריערט ביי מיר אין שטוב, און איך וועל דיר געבן עסן און טרינקען און א פלאץ זיך אפצורוהען און זיך אנווארעמען דיין קאלטעביינער!, ווייל אויף צומארגן'ס, זאגט דער איד, אז א גביר פארט קיין ראדאשיץ און ער וועט דיר קענען מיט נעמען. מיין טאטע האט זיך געפריידט און געגעבן א שבח והודאה. ער נעמט מיין טאטן צו זיין שטוב און דערווארעמט אים און נאכהער נעמט ער אים צום גביר וואס נעמט אים אויף זייער שיין, און זאגט אז ער וועט געבן א פלאץ צו שלאפן פאר יענע נאכט ווייל גלייך אינדערפרי מוז ער פארן קיין ראדאשיץ.

"אינדערפרי האט דער גביר זיך דערמאנט אז איך שלאף ביי אים און האט געשיקט זיין בעל עגלה מיר אויף צו וועקן, אבער איך בין געשלאפן זייער טיף און איך האב נישט געהערט. איז דער גביר אליין געקומען מיר וועקן און האט מיר געגעבן א שטויס אין פוס און מיר אויפגעוועקט. דאס האט זייער ווי געטאן אבער איך האב גארנישט געזאגט. דער גביר האט מיר געזעצט לעבן אים און האט מיר אנגעווארעמט מיט א גוטן מאנטל און מיטן וועג פרעגט ער מיר א דבר תורה פון מיין זיידן דעם קאזניצער מגיד, און איך האב זיך דערמאנט א תורה אויף וואס עס שטייט (קהלת י"א) שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל־פְּנֵי הַמָּיִם, כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ. מען זאל העלפן אפי' א גוי ווייל דאס קען שפעטער קומען צו נוץ.

דער גביר האט מיר שטארק געדאנקט פאר די דברי תורה און חיזוק."

אויפן וועג קיין ראדאשיץ איז געווען א טייך וואס איז געווען פארפרוירן. פלעגן מענטשן דורך שניידן דעם טייך, אבער עס איז אויך געווען א גשר וואס איז אריבער די טייך. מיר זענען געפארן אויפן בריק. דערווייל הערט מען פון אונטערן גשר ווי מענטשן שרייען פאר הילף און דער גביר האט זיך מרחם געווען און געהייסן דעם בעל עגלה צוריק פארן און זען צו מען קען נאך העלפן די מענטשן. ווען זיי זענען דארטן אנגעקומען האבן זיי געזען א גויאשער פריץ מיט זיין משפחה, האלטן זיך ביים דערטרינקען, און אלע פון וואגן האבן געהאלפן און ארויסגעשלעפט דעם פריץ און די משפחה. דער פריץ האט געדאנקט דעם גביר פאר ראטעווען אים און געבעטן זיין נאמען און וואו ער וואוינט ווייל ער וויל אים באצאלן. דער גביר זאגט עס פעהלט נישט אויס, ווייל איך בין א גביר. זיי האבן זיך געזעגנט און מיר זענען אנגעקומען קיין ראדאשיץ איך בין געגאנגען צום רבי'ן און דער גביר איז געפארן צו זיינע געשעפטן.

האט דער טאטע געזאגט צום גביר, יעצט דערצייל ווייטער וואס איז געשען. ווען דער גביר האט דאס געהערט האט ער אנגעהויבן צו וויינען און דערציילט: ווען איך בין אהיים געקומען פון די נסיעה פון ראדאשיץ האט מען מיר דערציילט אז מיין שטוב האט זיך פארברענט און אויך מיין גאנצע רכוש, און מיין משפחה זענען אין די הכנסת אורחים ארעם פון אלעס. איך האב געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן אז מיין משפחה איז געראטעוועט געווארן און איך האב זיך פארדונגען ביי איינעם צו שלעפן פעקלאך און אזוי קענען מפרנס זיין מיין משפחה און דאס ארעמקייט האט זיך געצויגן 8 יאר.

איין טאג איז געקומען צו מיר דער שמש פון שטאט און זאגט אז א גויאשער שר זוכט מיר, איך האב נישט געוואלט גיין, ווייל אין דעם צייט דארף איך ארבעטן, האט דער שמש מיר געגעבן א רובל און מיר דאס געגעבן, דאס איז געווען א שיינע מטבע, און איך בין מיט געגאנגען מיטן שמש. דער שמש דערציילט אז א שר איז שוין דא עטליכע טעג און זוכט א גביר וואס הייסט ווי דיר, אבער אלע האבן געזאגט אז דער גביר וואוינט שוין נישט דא. דער שר האט מיר געגעבן 10 רובל איך זאל דיר אויפזוכן און איך האב זיך דערמאנט אז דו ביזט אמאל געווען א גביר און ער מיינט דיר. ווען איך בין געקומען צום שר, האט ער מיר גלייך דערקענט און מיר ארום גענומען און נאכאמאל געדאנקט פאר ראטעווען אים מיט זיין משפחה. יעצט האב איך דערציילט פארן שר אלעס וואס איז געשען מיט מיין שטוב און רכוש. זאגט אים דער שר יעצט איז ער געווארן דער שר פון גאנצן געגענט און איך וויל דו זאלסט פירן מיינע געשעפטן. און איך האב מסכים געווען. דער שר האט מיר געגעבן א סכום געלט איך זאל קויפן א הויז, און אויך קויפן נייע מלבושים פאר מיין משפחה. און איך האב געפירט די געשעפטן פון שר און איך בין צוריק געווארן א גביר.

האט אויסגעפירט דער טאטע, דער הייליגער מאגעלניצע, זאלסט וויסן אז ווען דו האסט מיר געגעבן א שטויס אין פוס און עס האט מיר ווי געטאהן האט דער זיידע דער קאזניצער מגיד געהאט א שטארקע קפידה אויף דיר, און אין עולם העליון האט ער געפסק'נט אויף דיר, ארעמקייט פאר דיין גאנצן לעבן. אבער נאך דעם וואס דו האסט מיר אריינגענומען אין וואגן און מיר אנגעווארמט, האט דער זיידע דיר גרינגער געמאכט פון זיין גזר דין, אז דו זאלסט זיין א ארימאן נאר פאר 8 יאר. ר' חיים האט זיך יעצט דערמאנט די גאנצע מעשה און געזאגט פאר ר' מאיר שכנא אז אלעס איז אמת ויציב און האט איבערגעבעטן דעם מאגילניצא פאר אים שטויסן, און האט אים מוחל געווען. יעצט האט ר' חיים אויך פארשטאנען די דברי תורה פון הייליגן מגיד, שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל־פְּנֵי הַמָּיִם אפילו האלפן פאר א גוי" כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ. ווייל דורך דעם ראטעווען דעם פריץ איז ער געהאלפן געווארן 8 יאר שפעטער זיע"א.

**ברכת מזל טוב לנכדי היקר מרדכי נ"י בן חתני כבני ר' חיים מאיר קעססלער נ"י אב"י קיימישא לייק לרגל נישואיו עב"ג בת ר' בן ציון מייעס נ"י אב"י מאנסי שתתקיים אולם וויזניץ סקול טעררים יום ד' ר"ח אדר א' הבעל"ט כל הקהל מוזמנים לברך ולהתברך**

ניששט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן-*
ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. 2 בריוו פון הגאון ר' יונתן שטייף פון פעסט פסקי דינים. **נועם אלימלך דפוס סלאוויטא חסר דף האחרון,** מטבע משנת תשע"ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן $500, קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה $600, פסק דין פון הייליגע נודע ביהודה און זיין חתימה, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר $5000,** מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד $8500 , בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון הגאון מהרי"א אסאד $7500, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. פסק דין פון פנים מאירות. א בריוו פון הייליגן דברי חיים מצאנז און פון דברי יחזקאל משינאווא, אויך דער ברודער פון דברי חנה, הרה"ק ר' נפתלי רובין חתן שינאווא רב, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. חידושי הרשב"א קידושין עם הגהות הגאון ר' צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר פרקי הנאז"ר על שחיטה מבואר על פי חסידות $90, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.
**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***
מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת